UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Dos Bashomayim-Biksl Un Andere Dertseylungen/ The Heavenly Little Gun and other Stories

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/2js5327n

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)

**Author**
Ezekiel Kornhandler, Yekhezkl Kornhendler/

**Publication Date**
1980

**Copyright Information**
Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

יחזקאל קאָרנהענדלער / פּאַריז

# „דאָס בשמים־ביקסל" און אַנדערע דערציילונגען

(פון יצחק יאַנאַסאָוויטש. פאַרלאַג „קיום", תל־אביב־בוענאָס איירעס. תשל"ט, 1979. 245 זייטן. הילע געצייכנט דורך שמה בערנשטיין. פּאָרטרעט פון מחבר, פון יעקב מיטלער)

ס'איז פאַר מיר געווען אַ גרויס פאַרגעניגן די ידיעה וועגן דער דערשיינונג פון יצחק יאַנאַסאָוויטשעס נייעם בוך און נאָך אַ גרעסער פאַרגעניגן האָב איך אָפּגעפילט ביים לייענען און אַדורכלייענען די זעלטן־אינטערעסאַנטע און ביז גאָר פאַרכאַפּנדיקע דערציילונגען וואָס דאָס בוך „דאָס בשמים־ביקסל" אַנטהאַלט אין זיך.

דאָס פאַרגעניגן מיינס האָב איך קודם כל אָפּגעפילט דערפאַר, וואָס כ'האָב געזען אַז טראָץ דעם וואָס דער שרייבער איז די לעצטע יאָרן שווער אַנגאַזשירט אין רעדאַקטאָרישע און אין קריטיש־עסייאיסטישע אַרבעטן, וואָס נעמען, ווי מיר פאַרשטייען עס, אַוועק ביי אים אַ מאָסע צייט, הייסן אים אָפּ און שטערן אים אָנצוגיין מיט זיינע דיכטערישע און בעלעטריסטישע שאַפונגען.

האָב איך טאַקע נאָך אין יאָר 1974, אָפּגעפילט אַ גרויס פאַרגעניגן דערזעענדיק און לייענענדיק יצחק יאַנאַסאָוויטשעס בוך לידער א.נ. „אויף יענער זייט ווונדער" — אַ ווערק וואָס האָט געוויזן אַז דער פיינער דיכטער וואָס מיר האָבן אין אים, האָט טראָץ זיין רעדאַקטאָרישע און עסייאיסטישע אַקטיוויטעט, נישט אויפגעהערט, נאָר גייט כסדר אָן מיט זיין דיכטעריש שאַפן.

און איצט האָב איך ווידעראַמאָל אָפּגעפילט אַ גרויס פאַרגעניגן פון זען און זיך איבערצייגן אויף דאָס ניי, אַז דער שרייבער איז אַקטיוו דאָס מאָל אויפן דערציילערישן געביט, אַרויסקומענדיק מיט זיין בוך דערציילונגען „דאָס בשמים־ביקסל", אַ בוך וואָס געהערט לויט מיין טיפער איבערצייגונג, צו די סאַמע אינטערסאַנטסטע ביכער וואָס זענען לעצטנס בכלל דערשינען אין אונדזער יידיש־ליטעראַטור.

„דאָס בשמים־ביקסל" איז אַ בוך וואָס אַנטהאַלט צוואַנציק דערציילונגען, אָבער שוין ווייט נישט קיין פשוטע, וואָרעם דאָס זענען נישט קיין צייט־פאַרטרייב און ווייט נישט קיין פאַרווילונגס דערציילונגען, וואָס אַ שרייבער שרייבט סתם דערפאַר ווייל ער דאַרף און וויל שרייבן. יעדע דערציילונג אינעם בוך שטעלט מיט זיך פאָר אַ גאָר וויכטיק קאַפּיטל פון יידישן לעבן, יידישער געשיכטע, יידישע זאָרגן און ווייטיקן און באַהאַנדלט, טראָץ דער בעלעטריסטישער פאָרם, מערערע יידישע פּראָבלעמען וואָס נעמען אַרום דעם יידישן היינט און דעם יידישן מאָרגן.

פאַראַן אין דעם בוך דערציילונגען וואָס נעמען אַרום די נאַצישע מלחמה־טעג אין פוילן, ווי ס'איז טאַקע די סאַמע ערשטע דערציילונג א.נ. „דער ערשטער טאָג" אין וועלכן דער מחבר פירט אַרויס אַ נאַצישן אָפיציר, אַ נעבעכדיקן אַקטיאָר אין ציווילן לעבן, וואָס זוכט ביי דער נייגעשאַפענער געלעגנהייט צ שפּילן די ראָלע פון אַ טאַלאַנטפולער פערזענלעכקייט, וואָס דרוקט זיך אָבער אויס אין פאַרשאַפן אין סאַמע ערשטן טאָג" אַ סך אומגליק די יידן פונעם פוילישן שטעטל.

פאַראַן אייניקע דערציילונגען וועגן דער יידישער פאַרוואָגלטקייט בעת דער מלחמה אין ראַטן־פאַרבאַנד. פאַראַן סיוזשעטן וואָס באַהאַנדלען דאָס אַקטועלע יידישע לעבן אין פאַרבינדונג מיט עקזיסטירנדיקע יידישע פאָלקס־מעשיות. פאַראַן אין בוך דערציילונגען וועגן יידישע טראַכטונגען, יידישן גורל, וועגן באַציונג פון מענטש צו מענטש, אָבער אַלץ איז אַרויסגעפירט און באַזירט אויף מערקווירדיקע לעבנס־געשעענישן, וועלכע דער דער שרייבער יצחק יאַנאַסאָוויטש פירט אַרויס מיט אַ גרויסן קינסטלערישן און

פסיכאָלאָגישן כּוח, וואָס רופט אַרויס טיפע נשמה־אויפרודערונג ביים לייענען זיי.

„דאָס בשמים־ביקסל“, דער נאָמען וואָס דער מחבר האָט אויסגעקליבן פאַרן בוך, איז טאַקע אַ מעשה, וואָס ווערט דערציילט וועגן אַ יידישע טאָכטער וואָס איז אַמאָל געווען אויפן וועג פון שמדן זיך, כדי חתונה צו האָבן מיט אַ נישט־ייד און וואָס איז אין דער סאַמע לעצטער מינוט אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון דעם שריט און געבליבן אַ יידיש קינד, אַ דאַנק דעם בשמים־ביקסל.

אָבער וואָס ס'איז ביז גאָר אינטערעסאַנט אין דער געשיכטע מיטן בשמים־ביקסל איז דאָס, וואָס דאָס דאָזיקע ביקסל, מיט וואָס ס'איז פאַרבונדן אַ מעשה וועגן אַן אָפּגעראַטעוועטער יידישער טאָכטער, טרעפט אָן דער מחבר ביי אַ באַקאַנטן יידן אין... אַרגענטינע, ווו עס גייט אָן אַ גרויסער אַסימילאַציע־פּראָצעס און ס'קומען פאָר פיל געמישטע חתונות און טאַקע אויך אין דער זעלבער שטוב... ביים בעל־בית פון דעם נסימפולן בשמים ביקסל, מישן זיך, ליבן זיך די קינדער מיט נישט־יידן, אָן וועלכער ס'איז האָפענונג אַז דאָס בשמים־ביקסל זאָל העלפן און אין אַ געוויסן מאָמענט זאָגט דער בעל־הבית פון בשמים־ביקסל צום מחבר:

„דאָ, ביי מיר אין שטוב, וועלן שוין קיין נסים נישט געשען... אויב דו ווילסט, נעם דאָס בשמים־ביקסל צו זיך. ... ניין, לאָמיר עס בעסער אָפּגעבן אין אַ מוזיי, לאָמיר עס אַוועקשענקען קיין ישראל. . .“

ס'איז נאָר אַ פאָלקסטימלעכע מעשה וועגן אַ בשמים־ביקסל וואָס זאָל כלומרשט האָבן אַמאָל, אין דער אַלטער יידישער היים, אָפּגעראַטעוועט אַ יידיש קינד פון פאַרלוירן גיין פאַר אונדזער פאָלק, אַ נס אויף וועלכן מען קען שוין ליידער אָבער מער נישט האָפן אין די היינטיקע באַדינגונגען פון יידישער אויסמישעניש צווישן די פעלקער.

פיל יידישע מענטשן געדענקען זיכער די שווערע מעשיות וואָס מען האָט נאָך דער לעצטער מלחמה זיך אָנדערציילט אויף אַ רײי ייִדן, אָפּגעראַטעוועטע פון די נאַצישע הענט; מעשיות, אַז „דער און דער אָפּגעראַטעוועטער האָט אין די געטאָס און אפילו אין די לאַגערן זאָל זיך האָבן פאַרקויפט צו די נאַציס און שטילערהייט געמסרט יידן... מעשיות וואָס זענען אין דער גרויסער מערהייט פאַלן געווען נישט אמת און וואָס האָבן אַרויסגערופן ביז גאָר ביטערע געפילן און אויך שווערע קאָנפליקטן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט צווישן די אָפּגעראַטעוועטע יידן צוליב אַזעלכע פאַרדאַכטן און באַשולדיקונגען.

געפינען מיר צווישן די דערציילונגען איינע אַזאַ א. נ. „אַ מישפּט צווישן לאַנדסלייט“, וואָס שפּילט זיך אָפּ „ערגעץ אין אַ לאַטיין־אַמעריקאַנער לאַנד“ וווּהין „יידן פון זלאַטאָגורע“ האָבן אַריבערגעבראַכט צוויי אָפּגעראַטעוועטע לאַנדסלייט, פאַר פאַר וועלכע מען האָט געהאַט פיל סימפּאַטיע און ס'הויבט זיך אָן אַ מעשה מיט באַשולדיקן איינעם פון זיי אין האָבן געזינדיקט, אַלס „אַ מענטש פון יודענראַט“ און אַז „מען האָט זיך שוין אָנדערציילט אַז צווישן די זלאַטאָגורער געפינט זיך אַ קאַפּאָ, וואָס האָט אויף זיין געוויסן צענדליקער יידישע לעבנס“ און עס קומט טאַקע פאָר אַ מישפּט איבער איינעם פון די אַריבערגעבראַכטע, אָפּגעראַטעוועטע לאַנדסלייט.

ס'איז אַן אויפטרייסלענדיקע דערציילונג, אַרויסגעפירט מיט אַ זעלטענעם כּוח פון קענען די סיטואַציעס פון יענע טראַגישע געשעענישן און פון קענען אויך ביז גאָר די מענטשלעכע נשמה.

אַוודאי קענען מיר זיך נישט אָפּשטעלן ברייטער אויף דעם אַזוי רייכן מאַטעריאַל וואָס מיר געפינען אין „בשמים־ביקסל“, וואָס איז אַ בוך וואָס דערציילט, ווי כ'האָב עס שוין אָנגעוויזן, וועגן יידישן לעבן, יידישע געשעענישן און איבערלעבונגען, אַרויסגעפירט אויף אַזאַ מעכטיק בסיכאָלאָגישן און קינסטלערישן אופן, אַז עס פעלן מיר באמת אויס ווערטער פון באַוווּנדערונג פאַרן שעפערישן כּוח פון דעם מחבר.

דער אופן ווי אַזוי יצחק יאַנאַסאָוויטש

(סוף אויף זייט 73)

און זי פאַרענדיקט מיט דעם „בית" פון ברכה — וואָס איז אויך איר אייגענער נאָמען.

דאָס צווייטע איז „שלושה שאָכלו", גענומען פון פרקי אָבות. דאָס ליד בעט זיך ממש מען זאָל עס איבערזעצן אויף העברעיש. אַזוי ווי ברכה האָט ליב גע־האָט דעם העברעישן קלאַנג, וויל איך דאָ אין איר אָנדענק איבערזעצן דאָס ליד אין עברית:

## שלשה שאכלו...
(אָריגינאַל)

כאָטש מיט טרוקן ברויט
איז מיין טיש געגרייט,
נאָר לעכצן לעכצט ער,
פאַרבאָרגענערהייט,
אַז קלינגען
זאָלן אַרום די רייד
פון אַ בלאַט גמרא,
ווי זאָגט ערגעץ דער תנא:
שלושה שאָכלו...

דאַן וואָלט אפילו
אַ טרוקענער קריש
ווערן דערפרישט
און מלא פרייד
וועט זיין מיין טיש,
אַז ניט נאָר שלושה שאָכלו
נאָר באַשטאַנען וואָלט ער
אפילו נאָר בשניים,
דורך דברי תורה —
פון דעם וואָס וועט בייזיין
צו פאַרוואַנדלען
אַ פשוט גלעזל מיים
צום טעם פון יין.

## שלשה שאָכלו...
(איבערזעצונג)

אָכן בפת חרבה
שולחני ערוך—
ערוג יערוג הוא
בסתר
שפתגמי דאורייתא יפעמו
מדף הגמרא
סביבו,
כמו שאי־שם אומר התנא:
שלושה שאָכלו...

אַז אַף פירור־לחם יבש
יתחיה בטריותו
וימלא שולחני שמחה
לא רק כשלושה שאָכלו —
אילו היו מסובים רק שניים
ודברי תורה מהם נשמעים,
לזה המצטרף ביניהם
כוס פשוטה של מים
יטעמו כמו יין.

* * * * *

**ש. גילדער**

---

יחזקאל קאָרנהענדלער (סוף פון ז' 67)

בויט אויף און פירט אַרויס אַ ריי געשעע־נישן וועגן וועלכע ער דערציילט און צווישן זיי איז אויך זעלטן־אינטערעסאַנט די דערציילונג „דער זשורנאַליסט, אין וועמענס האַרצן און פסיכיק עס לעבן שווערע מלחמה־איבערלעבונגען וואָס וואָס ווערן אַרויסגעפירט אויף אַ מערק־ווירדיק פסיכאָלאָגישן אופן; ס'איז אַ דער־ציילונג וואָס הייבט זיך אָן מיט די שורות:

„ס'טרעפט אַמאָל אַ טאָג, ווען אַלע איסטערלישקייטן ווערן נאַטירלעך, אַלע פאַנטאַזיעס ווערן וואָר און אַלע זאַכן וואָס זענען אין דער פרי אויס אוממעגלעך — קומען דיר אין אָונט אַנטקעגן ווי פאַקטן וואָס גאָט אַליין קאָן זיי שוין נישט אויסמעקן פון זיין בוך פון געשעען."

און עס הייבט זיך אָן אַ געשיכטע...

דאָס דערשיינען פון בוך „דאָס בשמים־ביקסל" איז אַ גרויס דערפרייענדיקע דערשיינונג, וואָס באַשטעטיקט אויף אַ גלענצנדיקן אופן, אַז דער מחבר יצחק יאַנאַסאָוויטש איז טראָץ זיין גרויסער פאַרנומענקייט אַלס רעדאַקטאָר, קריטי־קער און עסייאיסט, נישט אָפּגעריסן גע־וואָרן פון זיין דיכטערישן און בעלעט־ריסטישן שאַפונגס־וועג, אַ זאַך וואָס עס באַשטעטיקט דאָס איצט דערשינענע בוך, וואָס געהערט אָן וועלכן ס'איז ספק, צו די סאַמע וואָגיקסטע, קינסטלערישע ווערק וואָס האָבן זיך לעצטנס באַוויזן אין אונדזער ליטעראַטור.